**Based on the above, it can be said that this paradox is self-explanatory. The connection between the Jews and G-d transcends** any **bond** that they could possibly establish **through their own Divine service of** observing the Torah and its *mitzvos*; rather **it stems** entirely **from G-d's free choice.** Thus, **although** it is written,[35] **"Esav is Yaakov's brother,"** i.e., seemingly, a Jew and a non-Jew are alike, **G-d** made a **choice,**[36] as the verse continues, **"I love Yaakov,"** bonding Himself with the Jewish people in a manner that is not at all dependent on their righteousness or desire to connect to Him. **For this very reason,** the relationship between G-d and the Jews **is expressed specifically through the service of** offering **sacrifices,** an act **in which their spiritual virtue is not obviously recognizable,** nor is it possible **to distinguish between** a Jew **bringing a sacrifice and a non-Jew** doing so. **Nevertheless, it is only the Jews' offering of sacrifices that arouses the essential bond that stems from G-d's choice.**

וְעַל פִּי הַנַּ"ל אִיז דָאס מוּבָן, וְהִיא הַנּוֹתֶנֶת: דַּוְקָא דֶערְפַאר וָואס דִי הִתְקַשְּׁרוּת עַצְמִית פוּן אִידְן מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיז הֶעכֶער פוּן דֶער הִתְקַשְּׁרוּת דוּרְךְ זַייעֶר עֲבוֹדָה בַּתּוֹרָה וּמִצְווֹת און זִי קוּמְט מִצַּד בְּחִירָתוֹ יִתְבָּרֵךְ - אַז כָּאטשׁ "אָח עֵשָׂו לְיַעֲקֹב", אַף עַל פִּי כֵן "וָאוֹהַב אֶת יַעֲקֹב"[לב], מִצַּד בְּחִירָתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא[לג] - מֵהַאי טַעְמָא גוּפָא דְרִיקְט זִיךְ דָאס אוֹיס דַּוְקָא אִין עֲבוֹדַת הַקָּרְבָּנוֹת, וָואס בְּחִיצוֹנִיּוּתָהּ אִיז אִין אִיר נִיט נִיכָּר דִי רוּחְנִיּוּת פוּן אַ אִידְן (וּבִפְרַט - דֶער חִילוּק לְגַבֵּי דֶער עֲבוֹדַת הַקָּרְבָּנוֹת פוּן אוּמּוֹת הָעוֹלָם) - אָבֶּער נָאר דִי עֲבוֹדַת הַקָּרְבָּנוֹת פוּן אִידְן אִיז מְעוֹרֵר דִי הִתְקַשְּׁרוּת עַצְמִית וָואס אִיז בִּבְחִירָתוֹ יִתְבָּרֵךְ

**To cite a parallel: G-d's choice of the Jews manifests itself specifically in their bodies, which physically appear to resemble the bodies of the non-Jews.**[37]

(וְעַל דֶּרֶךְ ווִי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז בּוֹחֵר (דַּוְקָא) דֶעם גּוּף פוּן אַ אִידְן, וֶועלְכֶער אִיז נִדְמֶה בְּחוּמְרִיּוּתוֹ לְגוּפוֹת אוּמּוֹת הָעוֹלָם[לד]).

## When G-d Recalled Noach

**7. On this basis, it is possible to understand why the sacrifices brought by Noach before the Giving of the Torah relate to the sacrifices offered afterwards,** i.e., **they were categorized as pure because of their future** status.

ז. דֶערְמִיט וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דִי קָרְבָּנוֹת פוּן נֹחַ פַאר מַתַּן תּוֹרָה הָאבְּן גֶעהַאט אַ שַׁיְיכוּת צוּ דִי קָרְבָּנוֹת שֶׁלְּאַחֲרֵי מַתַּן תּוֹרָה (סְ'אִיז אִין זֵיי גֶעוֶוען דֶער גֶּדֶר פוּן "טְהוֹרִין" עַל שֵׁם הֶעָתִיד):

**Noach offered sacrifices as** a gesture of **thanks to G-d for saving him from the Flood,** as it is written,[38] **"G-d remembered Noach."** This verse is

דָאס וָואס נֹחַ הָאט מַקְרִיב גֶעוֶוען קָרְבָּנוֹת אִיז גֶעוֶוען אַלְס הוֹדָאָה לְהַשֵּׁם פַאר דֶעם וָואס עֶר אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן מַבּוּל - "וַיִּזְכֹּר אֱלֹקִים אֶת נֹחַ גו'"[לה].

themselves are not permitted to offer sacrifices in this manner – they **may instruct** the non-Jews regarding the manner in which these sacrifices should be offered (***Zevachim*** **115b, 116b;** ***Rambam, Hilchos Maaseh HaKorbanos*** **19:16**).

**34. As stated in** ***Menachos*** **73b (see the sources cited there),** non-Jews **may pledge free-will offerings and voluntary sacrifices as Jews may. See** ***Likkutei Sichos,*** **Vol. 30, p. 72.**

35. *Malachi* 1:2.

36. See *Likkutei Sichos,* Vol. 4, pp. 1309, 1341, *et al.*

37. *Tanya,* ch. 49; *Toras Shalom,* p. 120; *et al.*

38. *Bereishis* 8:1.

**one of those included in the *Zichronos* blessing recited in the *Musaf* service of Rosh HaShanah; i.e., it is connected with "the remembrance of you"** – the Jewish people – **"com[ing] before Me in a positive light."[39] As is well known,[40] the reason that** "G-d **remembered Noach" is because of "the essential virtue of the souls of the Jews." For this reason,** in that blessing, we relate that **"You recalled Noach with love," i.e.,** referring to **the essential, inner love** existing between G-d and **the Jews** that transcends any virtue resulting from their Divine service.

**Noach lived before the Giving of the Torah – i.e.,** before **the time when G-d "chose us from all nations and tongues."[41]** His relationship to the Jewish people **does not even resemble that of the Patriarchs who, as that title implies, are the forefathers of the Jewish people.[42] Nevertheless, He shares a connection with the souls of the Jewish people. As a result of that** connection, **because of "the essential virtue of the souls of the Jews,"** G-d **"recalled** Noach with love."

**On this basis, we can understand why the sacrifices Noach offered in appreciation of G-d remembering him and saving him from Flood are related to the sacrifices Jews brought after the Giving of the Torah.[43] This also explains why the *Midrash*** cited initially **describes the sacrifices mentioned in the Book of *Vayikra* as "pure," using the wording that categorizes sacrifices brought even before the Giving of the Torah, as mentioned above.**

- יָדוּעַ[לו] דֶער הֶסְבֵּר פַאַרְוואָס דֶער פָּסוּק "וַיִּזְכֹּר אֱלֹקִים אֶת נֹחַ" אִיז אֵיינֶער פוּן דִי פְּסוּקֵי זִכְרוֹנוֹת וואָס ווֶערְן גֶעזָאגְט אִין מוּסָף דְרֹאשׁ הַשָּׁנָה (דָאס הֵייסְט אַז דֶער "וַיִּזְכֹּר אֱלֹקִים אֶת נֹחַ" הָאט אַ קֶשֶׁר, אִיז אַ טֵייל פוּן "יַעֲלֶה זִכְרוֹנֵיכֶם לְפָנַי לְטוֹבָה") - ווַיְיל דִי זְכִירָה פוּן נֹחַ'ן אִיז גֶעווֶען "מִצַּד עֶצֶם מַעֲלַת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל", וואָס דֶערְפַאר זָאגְט מֶען "וְגַם אֶת נֹחַ בְּאַהֲבָה זָכַרְתָּ", וואָס מֵיינְט דִי "אַהֲבָה פְּנִימִית וְעַצְמִית" (צוּ נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל).

קוּמְט אוֹיס, אַז כָאטשׁ נֹחַ אִיז גֶעווֶען פַאר מַתַּן תּוֹרָה (וואָס דַאמָאלְס אִיז גֶעווֶען וּבָנוּ בָחַרְתָּ[לז] מִכָּל עַם וְלָשׁוֹן) - אוּן אֲפִילוּ נִיט אִין אַן אוֹפֶן ווִי דִי אָבוֹת[לח] (וואָס מִיט זֵיי אִיז גֶעווֶען דִי הַתְחָלָה פוּן עַם יִשְׂרָאֵל - כִּשְׁמָם אָבוֹת) - אַף עַל פִּי כֵן, הָאט עֶר גֶעהַאט אַ שַׁיְיכוּת צוּ נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וואָס דֶערְפַאר אִיז בַּא נֹחַ'ן גֶעווֶען אַ זְכִירָה ("בְּאַהֲבָה") "מִצַּד עֶצֶם מַעֲלַת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל".

אוּן דֶערְמִיט אִיז אוֹיךְ מוּבָן, פַאַרְוואָס דִי קָרְבָּנוֹת וואָס נֹחַ הָאט גֶעבְּרַאכְט בְּהֶמְשֵׁךְ צוּ דֶער זְכִירָה (וְהוֹדָיָה פַאר זַיְין נִצּוֹל ווֶערְן פוּן מַבּוּל), הָאבְּן גֶעהַאט אַ שַׁיְיכוּת צוּ דִי קָרְבָּנוֹת פוּן אִידְן (לְאַחֲרֵי מַתַּן תּוֹרָה)[לט].

אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער בִּיאוּר אִין דֶעם וואָס דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט ווֶעגְן דִי קָרְבָּנוֹת פוּן תּוֹרַת כֹּהֲנִים - "וְהַקָּרְבָּנוֹת טְהוֹרִין" (וואָס טְהוֹרִין אִיז דִי הַגְדָּרָה אִין קָרְבָּנוֹת פוּן פַאר מַתַּן תּוֹרָה, כַּנַ"ל):

39. *Rosh HaShanah* 16a.

40. **The series of *maamarim* entitled, *BeShaah Shehikdimu, 5672,* Vol. 1, sec. 201; see *Likkutei Sichos,* Vol. 20, p. 374ff.**

41. The *Ahavas Olam* blessing in the Morning Service. **When reciting it, one should recall the Giving of the Torah (the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch* 60:4).**

42. By contrast, **the lineage of all the nations of the world derives from Noach.** Thus, the term Torah Law (*Rambam, Hilchos Melachim* 8:10, *et al.*) uses to refers to non-Jews is ***bnei Noach,*** **"descendants of Noach" or** "Noachides."

43. **On this basis, we can appreciate** the sequence of the phrases in *Vayikra Rabbah* 7:4, **"Noach offered a sacrifice…. Israel offered sacrifices,"** indicating **a similarity between the sacrifices Noach** offered **and those** offered **by the Jewish people.**

**As mentioned,**[44] **the inner theme of the sacrifices is to reveal the essential love G-d has** for the Jewish people **that transcends** His **love** for them **that results** from their observance of **the Torah.** This essential love **was expressed to a greater degree through the sacrifices brought by Noach before the Giving of the Torah – before the sacrifices were commanded** – than afterwards. **After the Giving of the Torah,** offering **sacrifices became a** ***mitzvah*****. As such, their transcendence over acts** mandated by **the Torah is not manifest in an apparent manner.**

וויבּאַלד דֶער תּוֹכֶן פְּנִימִי פוּן קָרְבָּנוֹת אִיז, כַּנַּ״ל - צוּ מְגַלֶּה זַיין דִי אַהֲבָה עַצְמִית שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וָואס אִיז הֶעכֶער פוּן (דֶער אַהֲבָה שֶׁעַל יְדֵי) תּוֹרָה, דְרִיקְט דָאס זִיךְ אוֹיס (מֶער) אִין דִי קָרְבָּנוֹת שֶׁל נֹחַ פוּן לִפְנֵי מַתַּן תּוֹרָה (נָאךְ אֵיידֶער ס'אִיז גֶעוֶוען דֶער צִוּוּי אוֹיף קָרְבָּנוֹת); מַה שֶּׁאֵין כֵּן נָאךְ מַתַּן תּוֹרָה, זַיינֶען דִי קָרְבָּנוֹת אַן עִנְיָן שֶׁל מִצְוָה, אִיז אִין זֵיי דֶערְפַאר נִיט נִיכָּר בְּגָלוּי וִוי זֵיי זַיינֶען לְמַעְלָה פוּן דֶער פְּעוּלָה פוּן תּוֹרָה.

## Inherent Purity

**8. On this basis, it is possible to understand why the** ***Midrash*** **states that "young children should begin their Torah studies in** ***Toras Kohanim,*** the Book of *Vayikra* that describes the laws of the sacrifices, so that **the pure ones come and involve themselves with pure matters."**

ח. עַל פִּי כָּל הַנַּ״ל וֶועט מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין וָואס דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט "מַתְחִילִין לְתִנוֹקוֹת בְּתוֹרַת כֹּהֲנִים" וַוייְל "יָבוֹאוּ טְהוֹרִין וְיִתְעַסְּקוּ בִּטְהוֹרִין":

**Three inclusive periods in the evolution of the Jewish people were mentioned above:** a) the period **following the Giving of the Torah, when the Jews accepted the Torah and its** ***mitzvos,*** **observing them as Divine commandments;** b) the period **beginning with the Patriarchs, who observed the entire Torah before it was given; and c)** the period beginning with **Noach, who merely shared a connection to the Torah,** relating **at least to its concepts of purity and impurity.**

דִי דְרַיי זְמַנִּים וּתְקוּפוֹת הַנַּ״ל בְּנוֹגֵעַ צוּ אִידְן בִּכְלָלוּת - (א) זִינְט מַתַּן תּוֹרָה, וֶוען אִידְן הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען אוּן מְקַיֵּים גֶעוֶוען תּוֹרָה וּמִצְוֹת עַל פִּי צִוּוּי ה'; (ב) אָנְהוֹיבְּנְדִיק פוּן דִי אָבוֹת, וָואס קִיְּמוּ כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ עַד שֶׁלֹּא נִיתְּנָה; (ג) אוּן נָאךְ פְרִיעֶר, פוּן נֹחַ, בַּיי וֶועמֶען ס'אִיז גֶעוֶוען נָאר אַ שַׁיְּיכוּת צוּ תּוֹרָה (עַל כָּל פָּנִים אַ גֶדֶר פוּן טוּמְאָה וְטַהֲרָה, כַּנַּ״ל) -

**It is possible to see that parallels to these three periods exist within every Jew's** personal life: **a) after a youth reaches** ***bar-*** **or** ***bas-mitzvah*** age **and is obligated to observe the** ***mitzvos*****; b) from the time children reach an educable age,**[45] **when their observance of** ***mitzvos*** **serves as a preparation for the time when they become obligated to do so; c) before a child reaches an educable age, when the child has no association with**

יֵשׁ לוֹמַר אַז דוּגְמָתָן (פוּן דִי דְרַיי תְּקוּפוֹת) אִיז דָא בַּיי יֶעדְן אִידְן: (א) נָאכְדֶעם וִוי עֶר וֶוערְט בַּר (בַּת) מִצְוָה אוּן אַ מְחוּיָּב בְּמִצְוֹת; (ב) פוּן זִינְט עֶר אִיז הִגִּיעַ לְחִינּוּךְ אוּן זַיין קִיּוּם הַתּוֹרָה וּמִצְוֹת אִיז אַלְס הֲכָנָה צוּ זְמַן חִיּוּבָם; (ג) נָאךְ קוֹדֶם שֶׁהִגִּיעַ לְחִינּוּךְ וֶוען עֶס אִיז נָאךְ נִיט שַׁיָּיךְ

---

44. See sections 5 and 6, above.

45. I.e., an age when they can understand what the observance of the *mitzvos* requires of them. See the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch* 243:3.

**the actual observance of the *mitzvos*. Nevertheless, since he or she is a Jewish child, even then he or she shares a connection to the Torah.**[46] **Moreover, the** entire **Torah was given to him or her as an inheritance,** as it is written,[47] "The Torah Moshe commanded us is **the inheritance of the congregation of Yaakov."** And an heir – **even an infant on the day of his birth – inherits all** his father left him.[48] **Thus, he** or she **shares a connection with the parameters** established **by the Torah.**

**Before a youth reaches an educable age, the concept of Divine service through** the actual observance of **the Torah and its *mitzvos* is not relevant. Accordingly, the essential characteristic** such a child possesses **by virtue of being Jewish is more evident. The inner, essential love with which G-d loves every Jew is revealed to a greater extent by Jewish children who have not yet reached educable age.**[49]

**This is the intent of the *Midrash's* teaching, "Let the pure ones come and involve themselves with pure matters." The sacrifices express G-d's essential love for the Jewish people – a love that transcends the love stemming from their study of the Torah – and it is because of that** inner **love** that the sacrifices **bring about atonement.** Thus, the sacrifices **are intrinsically pure, for they relate to** a level of G-dliness **that entirely transcends the concept of impurity.** Therefore, it is fitting that the passages concerning them **be studied by "pure ones," children who are** intrinsically pure, **having no connection with impurity, in the words of the *Midrash*,**[4] **"who do not know"** – i.e., **are entirely removed from – "the taste of sin and transgression," because the essential** bond of **love**

דִּי הַנְהָגָה פוּן קִיּוּם הַתּוֹרָה וּמִצְוֹת, אָבֶּער אַף עַל פִּי כֵן, וְוִיבַּאלְד עֶר אִיז אַ אִידִישׁ קִינְד הָאט עֶר אוֹיךְ דֶעמוּלְט אַ שַׁיְיכוּת צוּ תּוֹרָה[מ] - וִיתֵרָה מִזֶּה: אִים אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן דִּי תּוֹרָה (בְּתוֹרַת יְרוּשָּׁה - מוֹרָשָׁה קְהִלַּת יַעֲקֹב - וָואס (אוֹיךְ) אַ תִּינוֹק בֶּן יוֹמוֹ אִיז יוֹרֵשׁ הַכֹּל) - אוּן עֶר הָאט אַ שַׁיְיכוּת צוּ גִּדְרֵי הַתּוֹרָה.

אוּן וִויבַּאלְד אַז בַּיי אַ קָטָן (קוֹדֶם שֶׁהִגִּיעַ לְחִינּוּךְ) אִיז נָאךְ נִיטָא דֶער עִנְיַן הָעֲבוֹדָה בַּתּוֹרָה וּמִצְוֹת, אִיז בַּיי אִים דֶערְפַאר נִיכָּר בְּגִלּוּי זַיְין מַעֲלָה עַצְמִית אַלְס אַ אִידִישׁ קִינְד - דִּי אַהֲבָה פְּנִימִית וְעַצְמִית פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן צוּ אִידְן אִיז מֶער בְּגִלּוּי בַּיי אַ אִידִישׁ קִינְד קוֹדֶם שֶׁהִגִּיעַ לְחִינּוּךְ[מא].

אוּן דָאס אִיז וָואס דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט "יָבוֹאוּ טְהוֹרִים וְיִתְעַסְקוּ בִּטְהוֹרִים": וִויבַּאלְד דֶער עִנְיַן הַקָּרְבָּנוֹת אִיז צוּ אַרוֹיסְרוּפְן וּמְגַלֶּה זַיְין דִּי אַהֲבָה עַצְמִית פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן צוּ אִידְן וָועלְכֶע אִיז הֶעכֶער פוּן דֶער אַהֲבָה שֶׁעַל יְדֵי לִימּוּד תּוֹרָה (וָואס מִצַּד דֶער אַהֲבָה וֶוערְט אוֹיפְגֶעטָאן דִּי כַּפָּרָה) - זֵיי זַיְינֶען "טְהוֹרִין" בְּעֶצֶם וַוייל זֵיי "דֶערְלַאנְגֶען" אִין אַן "אָרְט" וואוּ דֶער עִנְיַן הַטּוּמְאָה קוּמְט נִיט צוּ, רִירְט נִיט אָן - דֶערְפַאר אִיז "יָבוֹאוּ טְהוֹרִים וְיִתְעַסְקוּ בִּטְהוֹרִים", אַז אָט־דִּי הִתְעַסְקוּת אִין "טְהוֹרִים" זָאל זַיְין דוּרְךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָועלְכֶע זַיְינֶען "טְהוֹרִים" - וִוי עֶר טַיְיטְשְׁט עֶס אָפּ אִין תַּנְחוּמָא "אֵינָם יוֹדְעִים מַהוּ טַעַם חֵטְא וְעָוֹן" (בַּיי זֵיי אִיז נִיט שַׁיָּיךְ דֶער גַאנְצֶער עִנְיַן הַחֵטְא וְעָוֹן) - דֶערְפַאר וָואס בַּיי

---

**46. It can be said that for this reason, it is forbidden to give an infant prohibited food even though he is incapable of understanding** and there is no obligation to train him in the observance of the prohibition. **See the elaborate explanation in the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch* 243:5ff.**

47. *Devarim* 33:4.

**48.** See *Niddah* 44a; *Rambam, Hilchos Nachalos* 1:13.

**49. See the *maamar* entitled *Ki Naar Yisrael*, 5766, and the extensive** explanation **in *Likkutei Sichos*, Vol. 21, p. 20ff.,** which focus on the manifestation of the essential connection between G-d and young Jewish children.

**between G-d and the Jewish people shines forth within them in an apparent manner.**[50]

זַיי אִיז מֵאִיר בְּגִלּוּי דִי אַהֲבָה עַצְמִית פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן צוּ אִידְן[מב].

## What Maintains the World

**9. Based on all the concepts explained above, it is understood why it is specifically "the pure ones [who] involve themselves in pure matters" – the young children who study *Toras Kohanim* – that enables the world's existence to be maintained.**[4]

ט. עַל פִּי כָּל הַנַּ"ל אִיז אוֹיךְ מוּבָן פַאְרוָואס דַוְקָא דֶער עִנְיָן פוּן "יָבוֹאוּ טְהוֹרִים וְיִתְעַסְקוּ בִטְהוֹרִים" - דִי קְרִיאָה אִין תּוֹרַת כֹּהֲנִים דוּרְךְ תִּינוֹקוֹת - בַּאוָואְרנְט אַז עֶס זָאל זַיְין "הָעוֹלָם עוֹמֵד":

**When adults involve themselves with "the passages concerning the sacrifices," they do not perform any action; their involvement engages merely their thought and speech. As the Alter Rebbe explains,**[51] "A person is obligated to observe all the *mitzvos* in thought, speech, and action. With regard to the sacrifices: **thought** corresponds to **prayer, service of the heart, which parallels** offering **the sacrifices and speech** corresponds **to Torah study concerning the sacrifices." These two "garments"** of the soul, **thought and speech, primarily reveal a person's thinking processes or his feelings and emotions.**

דָאס וָואס דִי גְדוֹלִים זַיְינֶען עוֹסֵק אִין "פַּרְשַׁת הַקָּרְבָּנוֹת" אִיז דָאךְ נִיט אַ "מַעֲשֶׂה", נָאר בְּלוֹיז אַ הִתְעַסְקוּת בְּמַחֲשָׁבָה וְדִיבּוּר (ווִי דֶער אַלְטֶער רֶבִּי אִיז מַסְבִּיר[מג], אַז "מַחֲשָׁבָה זוֹ תְּפִלָּה עֲבוֹדָה שֶׁבְּלֵב שֶׁכְּנֶגֶד קָרְבָּנוֹת, וְדִבּוּר הוּא תַּלְמוּד תּוֹרָה דְקָרְבָּנוֹת כו'"), וָואס דִי צְווֵיי לְבוּשִׁים פוּן מַחֲשָׁבָה וְדִיבּוּר אִיז עִיקַּר עִנְיָנָם צוּ מְגַלֶּה זַיְין דֶעם שֵׂכֶל הָאָדָם אָדֶער זַיְין רֶגֶשׁ וּמִדּוֹת; אִין זֵיי אִיז דֶער עִיקָּר נִיט דִי אוֹתִיּוֹת (וָועלְכֶע זַיְינֶען מַלְבִּישׁ דֶעם שֵׂכֶל אָדֶער דִי מִדָּה), נָאר דֶעם שֵׂכֶל אוֹ מִדָּה וָועלְכֶע זַיְינֶען אָנְגֶעטָאן אִין דִי אוֹתִיּוֹת;

Although thought and speech involve letters **that enclothe thoughts or feelings, the letters are not of primary importance.** What is fundamental is **the thought or the feeling that is enclothed in them. Since it is the person's own thoughts and feelings that are being revealed, the essential virtue of the Jews that stems from G-d's choice of the Jews is not so evident.**

אוּן ווִיבַּאלְד אַז בְּגִלּוּי אִיז דָא דֶער שֵׂכֶל (וְרֶגֶשׁ) הָאָדָם, דֶערְפַאר דֶערְהֶערְט זִיךְ דָא נִיט אוֹיף אַזוֹי פִיל דִי מַעֲלָה עַצְמִית פוּן אִידְן (וָואס אִיז מִצַּד בְּחִירַת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אִין אִידְן).

By contrast, when **children read and study** the book of *Vayikra*, ***Toras Kohanim*** **– specifically in the initial stages of their study,** when they are

דַוְקָא דִי קְרִיאָה וְלִימּוּד שֶׁל תִּנוֹקוֹת, אוּן אִין דֶעם גוּפָא - "מַתְחִילִין לְתִנוֹקוֹת בְּתוֹרַת כֹּהֲנִים" - דָא רֶעדְט זִיךְ וֶועגְן דֶער הַתְחָלַת הַלִּימּוּד פוּן

50. **On this basis, we can appreciate the appropriateness of the wording** used by the *Midrash* – **"the sacrifices are pure"** – when comparing the sacrifices to Jewish children. **The implication of the words is not that the sacrifices must be** in a state of **purity** when offered (see sec. 1), **but rather that they are inherently pure.** This reflects **their similarity to** Jewish **children who are "pure" – i.e., not only are they actually in a state of purity, but rather** they are essentially pure. **To refer to the words of the** ***Midrash***, **"they do not [even] know [what it means to have] a taste of sin and transgression."**

51. ***Likkutei Torah, Bamidbar,*** **p. 75a.**

תִּנוֹקוֹת וְוֶען זֵיי זַיְינֶען נָאךְ קוֹדֶם שֶׁהִגִּיעוּ לְחִינּוּךְ און בַּיי זֵיי אִיז נָאךְ נִיטָא דֶער עִנְיָן שֶׁל הֲבָנָה וְהַשָּׂגָה

[ווִי מֶען זֶעט אִין מִנְהַג יִשְׂרָאֵל, אַז בְּלוֹיז דִי הַתְחָלַת הַלִּימוּד פוּן תִּנוֹקוֹת אִיז פוּן סֵפֶר וַיִּקְרָא, אָבֶּער דֶערְנָאךְ לֶערְנְט מֶען מִיט זֵיי בְּסֵדֶר אַחֵר, כְּמִנְהֲגֵי הַמָּקוֹם[מד]]

און סְ'אִיז בַּיי זֵיי בְּלוֹיז אַן עִנְיָן שֶׁל קְרִיאָה לְחוּד; דֶער עִיקָר דֶערְבַּיי אִיז נִיט דֶער תּוֹכֶן הַדִּיבּוּר, נָאר דִי עֲקִימַת שְׂפָתַיִם שֶׁל הַקְּטַנִּים -

דַּוְקָא דָאס רוּפְט אַרוֹיס וּמְגַלֶּה דִי אַהֲבָה עַצְמִית פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן (עַל דֶּרֶךְ הַנַּ"ל סְעִיף ו אַז בְּחִירַת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אִיז אִין גוּף דַּוְקָא), וּבְמֵילָא אִיז דֶער אוֹיפְטוּ דוּרְךְ דֶעם בְּתַכְלִית הַשְּׁלֵימוּת און עֶס בַּאווָארְנְט עֶס זָאל זַיְין "הָעוֹלָם עוֹמֵד".

(משיחת ש"פ ויקרא תש"מ)

merely learning to read, **before they reach an age when they are capable of understanding what the *mitzvos* are** – they do so **without** intermingling what they read with their own **conceptual processes.**

This is particularly true according to the prevailing **Jewish custom that young children only begin their study with the Book of *Vayikra*. Afterwards, however, they study other matters,** each **place following the local custom.**[52]

**Thus, they are merely reading, and the meaning of what they read is not that significant, only the movement of their lips. This evokes the essential love of G-d because – as explained in sec. 6 – G-d's choice is focused on the** Jews' **bodies. Consequently, it is their** study **that – in a consummate matter**[53] **– maintains the world's existence.**

---

52. **This is evident from the *Kolbo, loc. cit.,* and *Rokeiach,* sec. 296. There are** commentaries **who explain that this is the meaning of the statement of the Talmud (*Gittin* 60a) that one may write a scroll for a child to study… [i.e.,] "In *Toras Kohanim*,** [one may write a scroll from the beginning] **until 'And it came to pass on the eighth day.'"** The rationale for this practice **is that** when **young children begin** their Torah study, **they study only the beginning of *Toras Kohanim.***

53. The implication is that adults' study of the sacrifices also accomplishes such a goal. However, the study of these matters by children does so in a more consummate matter. See the end of sec. 3, above.

---

א) ויקרא רבה פ"ז, ג בסופו. ועל דרך זה בפסיקתא דרב כהנא ופסיקתא רבתי פ' את קרבני לחמי. ילקוט שמעוני צו בתחלתו (רמז תעט). הובא בכל בו סי' עד. ש"ך יו"ד סי' רמה סק"ח.

ב) בילקוט שמעוני שם: יתחילו להן מבראשית אמר הקב"ה הואיל כו', ועל דרך זה הוא בפסיקתא דרב כהנא ורבתי שם. ויקרא רבה הוצאת מרגליות שם.

ג) בתנחומא צו יד: למה הן מתחילין התינוקות של בית רבן ללמוד בספר ויקרא אלא מפני שכל הקרבנות כתובים בו ומפני שהם טהורים עד עכשיו ואינם יודעים מהו חטא ועון לפיכך אמר הקב"ה שיהו מתחילין בסדר הקרבנות יבואו טהורים ויתעסקו במעשה טהורים.

ד) בילקוט שמעוני: "בטהרות".

ה) פירוש מהרז"ו לויקרא רבה שם. עץ יוסף לתנחומא שם.

ו) ראה כלי יקר ריש פרשתנו. עץ יוסף לויקרא רבה שם.

ז) וגם לשון התנחומא "מעשה טהורין" יש לפרש שהוא "מעשה (ב)טהורין".

ח) והיא מצות עשה (רמב"ם ריש הלכות איסורי מזבח. ספר המצוות מצות עשה סא).

ט) זבחים קטו, ב.

י) בגמרא שם "עד שלא הוקם המשכן". אבל מזה שמסיים שם בגמרא "ונכרין בזמן הזה רשאין לעשות כן", משמע שהוא מצד החילוק דבן נח וישראל שנתחדש במתן תורה. וכן משמע מזה שלמדוהו בהמשך הגמרא שם (קטו, סע"ב ואילך) מהקרבנות דנח. וראה פירוש רש"י שם קטז, א ד"ה לכל. ואולי יש לומר דתלוי במחלוקת רבי ישמעאל ורבי עקיבא שם (קטו, ב) אם רק כללות נאמרו בסיני או כללות ופרטות נאמרו בסיני, וכמו שמפרש בגמרא בעולה אם טעונה הפשט וניתוח. ואין כאן מקומו.

יא) ובכלל אינם יכולים להביא קרבן - ראה רמב"ם הלכות שגגות פ"ט ה"ג בסופה ובכסף משנה שם. מגדל עוז לרמב"ם הלכות איסורי ביאה ספ"ג.

יב) שבהערה ג.

יג) וראה גם במדרש לפני זה: "וכן אמר ר' שמואל בר אבא אמר הקב"ה לישראל כו'". ועל דרך זה בויקרא רבה ופסיקתא שם לפני זה מובא תוכן הדרשות הנ"ל.

יד) נח ח, כ.

טו) שם קטז, א.

טז) ופירש רש"י: הרי לא נתנה תורה.

יז) בשטה מקובצת שם אות ז. חדושי אגדות שם. ועוד. ובגמרא לפנינו: מאותן שלא נעבדה בהן עבירה.

יח) נח ז, ב. וראה מפרשי רש"י וחדושי אגדות זבחים שם.

יט) ולהעיר מרש"י שם ח, כ (מבראשית רבה פכ"ו, א; פל"ד, ט): אמר לא צוה לי הקב"ה להכניס מאלו ז' ז' אלא כדי להקריב קרבן מהם. וצריך עיון קצת מויקרא רבה פרשתנו (ב, י): נח קיים מה שכתוב בתורה שנאמר ויבן נח מזבח לה'.

כ) שבת כח, ב. ועיין תקוני זהר חדש קיז, ג.

כא) ועד ש"כל שהתיבה קולטתן בידוע שהוא טהור אין התיבה קולטתן בידוע שהן טמאין" (זבחים שם). ראה חדושי אגדות שם. מפרשי רש"י נח שם.

כב) וע"פ מחז"ל (הנ"ל הערה כ) עוד לפני זה - בבריאת העולם.

כג) ראה יומא כח, ב. קדושין פב, א.

כד) להעיר שהפעם הראשונה שנזכר בתורה שבכתב ענין המזבח הוא בקרבנות דנח. וראה לעיל הערה יט.

כה) ראה אגרת התשובה פ"ב ולקמן הערות כח, כט.

כו) ראה יד, א. וראה קידושין לו, א (שו"ת הרשב"א ח"א סקצ"ד). ספרי האזינו לב, ה. ועוד.

כז) מצוה - לשון צוותא וחיבור (לקוטי תורה בחוקותי מה, ג. ובכמה מקומות). (תניא מהדו"ק ספמ"ט).

כח) על דרך המבואר גבי כללות עבודת התשובה (ראה לקו"ש ח"ד ע' 1151 ואילך. חי"ט ע' 426 ואילך). אלא שבפרטיות ישנם ב' עניגים: תשובה וקרבנות (ראה לקו"ש ח"ד ע' 1359, ושם ע' 1152 הערה 12).

כט) דרזא דקורבנא עולה עד רזא דאין סוף (ראה זח"ב רלט, א. זח"ג כו, ב). וראה על דרך החסידות במעלת הקרבנות כמסומן במפתח ענינים ללקוטי תורה כו' ערך קרבנות. ספר הליקוטים דא"ח צמח צדק. ועוד.

ל) תענית ב, א.

לא) ויתירה מזו: ונכרים בזמן הזה רשאין לעשות כן, כל אחד ואחד בונה לו במה לעצמו ומקריב עליה כל מה שירצה, ושרי לישראל "לאורינהו" (זבחים קטו, ב. קטז, ב. רמב"ם הלכות מעשה הקרבנות פי"ט הט"ז).

לא*) דנודרין נדרים ונדבות כישראל (מנחות עג, ב. ושם נסמן. וראה לקו"ש ח"ל ע' 72).

לב) מלאכי א, ב.

לג) ראה לקו"ש ח"ד ע' 1309, 1341. ובכמה מקומות.

לד) תניא פמ"ט. תורת שלום ע' 120. ועוד.

לה) נח ח, א.

לו) המשך תער"ב ח"א פרק ר"א. וראה לקו"ש ח"כ ע' 374 ואילך.

לז) שבאמירתו - זכירת מתן תורה (שולחן ערוך אדמו"ר הזקן או"ח סי' ס סעיף ד).

לח) ויתירה מזו: כל גויי הארץ מתייחסים לנח, "בני נח".

לט) על פי זה יומתק מה שכתוב בויקרא רבה שם "הקריב נח קרבן . . הקריבו ישראל כו'" - שמדמה קרבנות נח לקרבנות דישראל.

מ) ויש לומר שלכן אסור לספות לו איסור בידים אפילו אינו בר הבנה - ראה בארוכה שולחן ערוך אדמו"ר הזקן סי' שמג ס"ה ואילך.

מא) ראה ד"ה כי נער ישראל תרס"ו. ובארוכה לקו"ש חכ"א ע' 20 ואילך.

מב) על פי זה יומתק הדמיון של "הקרבנות טהורין", שמשמעו טהורים בעצם ולא שצריכין להיות טהורין, ל"תינוקות טהורין", שמשמעתו גם כן לא רק שהן טהורין בפועל, כי אם כלשון התנחומא "ואינם יודעים מהו טעם חטא ועון".

מג) לקוטי תורה ריש פרשת פנחס.

מד) וכן משמע בכל בו שם וברוקח סי' רצו. ויש אומרים שזהו הפירוש במאמר הגמרא (גיטין ס, א) כותבין מגילה לתינוק להתלמד בה . . בתורת כהנים עד ויהי ביום השמיני - שזהו משום שהתינוקות (בתחלה) לומדים רק התחלת תורת כהנים.

SICHOS IN ENGLISH